1940, Moscow — Documents + unfinished versions

# פון מענדעלעס ליטעראַרישער ירושה

(מענדעלעס אומבאַקאַנטע טעקסטן)

1. אדעראבע, ווער איז מעשוגע? א סיפּער־האמיַסע, וואָס האָט זיך פאַר־וואלגערט צווישן די קסאָווים פון יִסראָליק דעם מעשוגענעם. — 2. [די מילכאָמעס פון האבאָסע־קאָמאנדען]. — 3. די אויסגענארטע בכוירע. בערל דער מעשוגענער און רעב איציקל דער כאָכעם [א פלאן פון א דערציילונג].

פּובליקאציעס מיט באגלייט־ארטיקלען פון א. וואָראָבייטשיק.

## ״מענדעלע מויבער־ספאָרים

1

### אדעראבע, ווער איז מעשוגע?

א סיפּער־האמיַסע, וואָס האָט זיך פארוואלגערט צווישן די קסאָווים פון יִסראָליק דעם מעשוגענעם

— גוואלד, יִסראָליק! וואָס טראכסטו זיך, וואָס וועט פון דיר זיַין?

מיט די ווערטער האָט מיַין מאמע אַפּ מיר זיך צעשריגן, אריַינגייענדיק צו מיר אין אלקערל און מיך דאָרט געטראָפן, ווי איך זיץ אָנגעלענט איבער א טיש מיט ספאָרים און שריַיב. איך האָב מיך אומגעקערט, א קוק געגעבן מיט א פארכמו־רעט פּאָנעם אַפּ דער מאמען און ווי א צעמישטער זיך אָנגערופן:

— הא! וואָס ווילסטו, מאמע?

— וואָס איך וויל? — האָט זי געענטפערט, צושאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ. — איך וויל, דו זאָלסט ווערן א מענטש!

— א מענטש! איך וויל עס אויך. מאמע, — האָב איך מיט א זיפץ געזאָגט, — אדעראבע, זאָג, וואָס טוט מען דערצו, ווי ווערט מען א מענטש?

— דו זאָלסט געווען האָבן א טאטן אַן אויבערהאר, נישקאָשע, וואָלט ער דיר באוויזן, וואָס מע טוט דערצו. ער וואָלט דיך געהאלטן אין דער מוירע, ער וואָלט דיך אמאָל מעכאבעד געווען מיט א קלאפּ, וואָלסטו, נישקאָשע, ארויס א מענטש!

— אזוי, מאמע, ווערט מען א מענטש?!

— דו וואָלסט זיך ניט אריַינגעלאָזט טאָג ווי נאכט אין דיַינע ביכלעך, דו וואָלסט זיך ניט אופּגעשטויסן מיט דער גאנצער וועלט, דאָס מיט דעם, דאָס מיט יענעם, איך זאָל דערנאָך צוליב דיר האָבן קרענקונג און הערן ליַיטישע נאָכרייד.

1875 (journal call)

Fragment connected w. …

וואָס אַרט דיכ, אשטייגער, לייבקע דער באלטאקסע, וואָס האָסטו זיכ געדארפט נעכטנ אזוי ארויסשטעלנ, ארויסווייַזנ, ווער איז ער און וואָס ער איז, וויאזוי ער באַרייַסט דעמ אוילעמ. וואָס ארט עס דיכ? לאָז ער זיכ טאָנ, וואָס ער וויל. אז דעמ גאנצנ גלופסקער אוילעמ איז עס ניכע, מיסטאמע איז רעכט. וואָס גייט דיר יענער אָנ? גוואלד, ייִסראָליק, וואָס טראכסטו זיכ, וואָס וועט פונ דיר זייַנ?

— אזוי, מאמע, אזוי איז מענ א מענטש?!

— וואָס, אשטייגער, גייט דיר אָנ כאַימ דער נאָווי, אונ זאָלסט שרייַענ אפ דעמ אייַנפיר מיקויעכ די קוויטאנציעס פונ קי. אז גאנצ גלופסק האָט דעמ אייַנפיר אָנגענומענ אונ שווייַגט, שווייַג אויכ. שוינ צייַט, ייִסראָליק, זאָלסט ווערנ א מענטש! דארפ איכ עס נייטיק, אז צוליב דיר, וואָס דו ביסט קיינ מענטש ניט, זאָל מיכ דער באלטאקסע האָדעווענ מיט בייִנער אונ כאַימ דער נאָווי זאָל מיר ניט וועלנ ארויסגעבנ א קוויטאנציע?

— מיילע!..

— סטייַטש מיילע. פארפאלנ די קו! נישטאָ קיינ קו! אזא קו!

— וואָס הייסט ניטאָ די קו?

— מיסטאמע! הערסטו, אָט דאָס טאקע בינ איכ דאָכ אינ איינע צאָרעס אריינ איצט צו דיר, אָט דאָס טאקע איז דאָכ מייַנ געשריי: גוואלד, ייִסראָליק, וואָס וועט פונ דיר זייַנ? הייַנט בא דער נאכט האָט מענ ארויסגעפירט די קו פונ שטאל. איכ לויפ גאנצפרי צומ נאָווי אונ זאָג: „רעב כאַימ, נאט אייַכ די פופצנ רובל, ווי דער סיידער איז, הייסט אָפּלאָזנ די קו אונ גיט מיר, זייַט מויכל, ארויס א קוויטאנציע, אז איכ בינ שוינ מייַנס אָפּגעקומענ". בא אימ זייַנענ געוועזנ א סאכ ייִדנ אונ ייִדענעס. דער איז געקומענ אויסלייזנ, יענער אָפּצאָלנ דעמ ראכאש נאָכ פריִער, ביכדיי רעב כאַימס כעווירע זאָלנ פארשפּאָרנ די טירכע זייַנע בעהיימעס צו גאנווענענ. בא איטלעכנ האָט ער צוגענומענ דאָס געלט אונ זיי געקוויטעוועט, שא, שטיל, פייַנ, ווי עס געהער צו זייַנ, נאָר מיכ האָט ער ניט געוואָלט הערנ אונ זענ. פארפאלנ די קו, נישטאָ קיינ קו! אזא קו! גוואלד, ייִסראָליק, וואָס טראכסטו זיכ, וואָס וועט פונ דיר זייַנ?

— אדעראבע, מאמע, זאָג דו, וואָס איכ זאָל טראכטנ, וואָס פונ מיר זאָל זייַנ?

— וואָס פונ דיר זאָל זייַנ! טראכט בעסער אוועקלייגנ אלע דייַנע נארישקייַטנ, טראכט בעסער צו ווערנ א מענטש! מיש זיכ נישט ניט אינ דייַנע זאכנ, האלט זיכ ניט קליגער פונ א שטאָט מענטשנ. אז טויזנטער זאָגנ אזוי, מיסטאמע באדארפ אזוי זייַנ, אז א גאנצער אוילעמ מאכט צו די אויגנ, מיסטאמע דארפ מענ צומאכנ. אפילע דער מוזשיק, לעהאוודל, זאָגט אויכ: „קאָלי לירדי פריסטאלי, פאווינענ ביט שטשאָ טאק", אונ ווי זאָגט מענ עפעס: א גויִש ווערטל איז, לעהאוודל, ווי א טוירע, אונ אז די טוירע זאָגט, מוז מענ גלייבנ. דו ביסט דאָכ א ייִדיש קינד, ייִסראָליק!

די לאָגיקע אונ די געדרינגערייַ פונ מייַנ מאמענ האָט מיכ שוינ אזוי א צופּ געטאָנ באמ הארצנ, אז איכ בינ געוואָרנ צעקאָכט אונ מיט פייַער א זאָג געטאָנ:

— איכ בינ ניט קיינ ייִדיש קינד!

— אוי! — האָט די מאמע א געשריי געטאָנ אונ געבראָכנ די הענט. — וואָס זאָגסטו?



— אָט דאָס, וואָס דו הערסט.

— ייִסראָליק, דו ביסט מעשוגע!

— איכ בינ אזוי מעשוגע, פונקט ווי איכ בינ א ייִדיש קינד. א ייִד, א ייִד בינ איכ, אָבער ניט קיינ ייִדיש קינד.

— נו, — האָט די מאמע א מאכ געטאָנ מיט די הענט אונ גערעדט פאר צאָרעס אזוי ווי עפעס אינ דער וועלט אריינ, שוינ נישט צו מיר, — ער רעדט שוינ, וויי איז מיר, בויבעריק, עפעס ווידער קליאטשע-לאָשנ, וואָס ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ. א דונער האָט מיכ ניט דערשלאָגנ, וואָס הייסט דאָס, א ייִד אונ ניט קיינ ייִדיש קינד? ער איז מעשוגע.

— דאָס הייסט, מאמע, — האָב איכ צעקאָכט געזאָגט, — דאָס הייסט פּראָסט: איכ בינ ניט קיינ ייִדיש קינד. דאָס איז טאקע די גאנצע צאָרע בא אונדז, וואָס מ'איז ניט קיינ ייִדנ, קיינ מענטשנ, נאָר קינדער, קינדער, ייִדישע קינדער.

— אָט האָט ער עס מיר דערקלערט, — האָט די מאמע געזאָגט אונ געבראָכנ די הענט. — ציגנ זאָלנ אזוי וויסנ אינ גאָרטנ שפּרינגענ, ווי ער ווייסט, מישטיינס-געזאָגט, וואָס ער רעדט.

— מאכטייסע, מאמע, איכ וועל דיר טאקע גאָר פּראָסט דערקלערנ: א מענטש אָדער אנ אומע קענ אנדערש ניט האָבנ קיינ זנאטשעניע, סייַדנ מ'האָט סייכל צו פארשטיינ, צו פילנ, וואָס ער איז, וואָס וויל ער עפעס אפ דער וועלט, אונ דאָס, וואָס ער וויל, לאָז ער זיכ סטארענ דורכ מיטל צו דערגרייכנ. אָנ דעמ איז דער מענטש א קינד אונ די אומע א טויטע, א דערשלאָגענע.

— הא, וואָס? וואָס בעבעט ער עפעס?

— אונדזערע ייִדישע קינדער זייַנענ, ווי דער שטייגער איז פונ אלע קינדער. עס פעלט זיי אינ טאָכ אריינ סאמאָסאָזנאניע, זיי הייבנ זיכ ניט אָנ צו קענענ. א באווייַז, זיי קענענ דאָכ קימאט אלע ניט זייער אייגענע געשיכטע. פרעג אפילע דעמ גרעסטנ לאמדנ עפעס פונעמ ייִדישנ לעבנ, וויאזוי מיט אונדז האָט זיכ פאסירט אפ דער וועלט, וועט ער דיכ אָנקוקנ מיט א פאָר אויגנ אונ ווי פונ דעמ שלאָפ עפעס זאָגנ פונ דעמ, ווי די ייִדנ זייַנענ פאר פיר טויזנט יאָר געגאנגענ איבער דעמ יאמ-סופ, עפעס א ביסל פונ פורימ, א ביסל פונ כאנעקע, א לעק פונ שפּאניענ, א קאפּ פונ כמעלניצקעס צייַטנ, כאפּ-לאפּ, א שפרונג אהער, א שפרונג אהינ, אונ מער ניט. טאָג ווי נאכט לערנט ער, דאכט זיכ, געמאָרע. אונ וואָס געמאָרע, ווענ געמאָרע, אינ וועלכער צייַט האָט מענ זי מעסאדער געווענ, דעמ סיידער פונ אלע טאנאָימ וואאמוירעאָימ אונ געוינימ, ווענ איטלעכער איז געבוירנ געוואָרנ אוכעדוימע, ווייסט ער ניט קיהוזע. די הייַנטיקע מאָדישע ווייסנ אוואדע גאָרניט אונ מייִנענ, עס פאסט זיי גאָרניט אזעלכע זאכנ צו וויסנ. אָנ געשיכטע אָבער פארלירט דאָס פאָלק איר ווערט, דעריבער זייַנענ בא אונדז א טייל זייער מעוולוול, נאריש, שטאָלצ ווי קינדער, אונ א טייל אקעגנ לייגנ אפ זיכ גאָר קיינ שומ ווערט ניט, האָבנ ניט קיינ סאמאָפּאָטשעטאניע, שעמענ זיכ מיט זיכ אליינ אונ וואָלטנ געוואָלט נאָכמאכנ אלע אנדערע, אזוי ווי א טייל קינדער, וואָס ווילנ אָנעמענ פּאָסטעמקעס פונ גרויסע אונ מאכנ זיכ דורכ דעמ לעכערלעכ. דערפונ, וואָס זיי ווייסנ ניט, וואָס זיי זייַנענ, קומט נאטירלעכ ארויס דאָס, וואָס זיי ווייסנ אויכ ניט, וואָס זיי ווילנ. איטלעכער לעבט אָפּגעריסנ גלאט פאר זיכ, איטלעכער זוכט א צוקערלעקעכל, א שפּילעכל, א צאצקעלע פאר

זיכ. א וויכטיקער אלגעמיינער אינטערעס — דאָס איז בא זיי ניטאָ. דאכט זיכ, א סאכ נעמענ זיכ אמאָל צונויפ אינײנעמ וועגנ עפּעס א זאכ, אָבער דאָס דאכט זיכ טאקע נאָר, אינ עמעס ארײַנ איז דאָס ניט מער ווי א קינדער-שפּילעכל, וואָס לאָזט זיכ אויס מיט א געשריי, מיט א קריג, מיט א געשלעג איבער עפּעס א צאצקעלע. קורצ, — האָב איכ געזאָגט אלצ הייסער אונ הייטער, — אונדזערע ייִדנ זײַנענ טאקע ייִדישע קינדער, קינדער, וואָס דארפנ האָבנ א קאנטשיקל, א ניאנקע, א באהעלפער, וואָס זאָל זיי פירנ, שלעפּנ מיט גוואלד אינ כיידער ארײַנ, קינדער, וואָס מע טיילט זיי אויס דעמ עסנ, זיי זאָלנ כאָלילע קיינ איבעריקנ ביסנ ניט כאפּנ, וואָס מע האלט זיי פארשפּארט, זיי זאָלנ ניט ארומלויפנ מיט דעמ קאָפּ ארעפּ מיט די פיס ארופ איבער די גאסנ. קינדער, וואָס האָבנ איבער זיכ אָפּיקונעס, גאבאָימ, קאָל האמינע באלטויוועס, קינדער, וואָס כאפּנ א קלאפּ, א שמיצ, שא-שטיל, אונ טאָרנ ניט אויסזאָגנ פונעמ כיידער. קינדער, וואָס שפּילנ זיכ אינ פערדלעכ אונ איינער וויל דעמ אנדערנ באווײַזנ, אז ער איז א בעסער פערדל, קינדער, וואָס שפּילנ אינ דריידל אונ פּרוונ, ווער קענ בעסער א דריי טאָנ. קינדער, וואָס ווערנ אויס כאוויירימ; וואָס צעפּאטשנ זיכ איבער א מאפּטער, איבער א שישי אוכעדוימע. ניינ, איכ בינ ניט קיינ קינד, איכ בינ ניט קיינ ייִדיש קינד.

אָפּזאָגנדיק די ווערטער, האָב איכ א קוק געטאָנ אפ מײַנ מאמענ. זי איז געוועזנ בלייכ ווי די וואנט, טרערנ ווי באָב האָבנ זיכ געגאָסנ פונ די אויגנ, זי האָט געקוקט אפ מיר עפּעס אזוי, ווי אנ אומגליקלעכע מוטער קוקט אפ איר קראנק קינד, וואָס איז פארבײַ. דערנאָכ איז זי צו מיר צוגעגאנגענ, געטאפּט מיט דער האנט מײַנ שטערנ אונ מיט גרויס ראכמאָנעס געזאָגט:

— אכ, ייִסראָליק, מײַנ איינ-אונ-איינציקער ייִסראָליק! עס האָט דיר ווידער זיכ אָנגערופנ די אלטע קרענק. דו רעדסט עפּעס אזעלכע ווערטער, וואָס איינס צומ אנדערנ געהערנ זיכ ניט אָנ, עפּעס בוידעמ-פּאָליצע, דער שטערנ איז דיר, נעבעכ, הייס. זאָג מיר, איכ בעט דיכ, וואָס טוט דיר ווײ?

— אכ, — האָב איכ א זיפצ געטאָנ, — עס טוט מיר ווײ דאָס הארצ.

— לייג זיכ, מײַנ קינד, אינ בעט, איכ וועל דיר צולייגנ קאלט וואסער צומ קאָפּ, טו מיר צוליב אונ זאָג מיר, וועמענ זאָל איכ דיר רופנ, די זנאכערקע אָדער, לעהאוודל, דעמ באלשעמ, מע דארפ דיר אָפּשפּרעכנ.

— טו מיר, מאמע, די טויווע אונ לאָז מיכ צו רו. דײַנע זנאכערקעס, דײַנע זאבאבאָנעס, דײַנע סגולעס, דײַנע באלשעמענ, דײַנע שפּרעכער מאכנ מיכ אויס מענטש.

— טו זשע מיר אויכ, ייִסראָעל, די טויווע אונ לייג זיכ צו, טאָמער וועסטו אנשלאָפנ ווערנ, סטארע זיכ, ייִסראָליק, צו שלאָפנ. צו דײַנ קראנקײַט, ייִסראָליק, איז שלאָפנ די בעסטע רעפוע.

איינ-ברייירע, איכ האָב געמוזט צוליב טאָנ, זיכ לייגנ מיט א געזונטנ קאָפּ אינ א קראנקער בעט, די מאמע האָט מיר פארבונדנ דעמ קאָפּ מיט א נאסנ האנטעכ. אכ, כ׳האָב געמוזט צומאכנ די אויגנ אונ שלאָפנ.

---



## צו מענדעלעס דערציילונג „אדעראבע, ווער איז מעשוגע?"

דער ציקל „מײַסעס" אונטערנ קעפּל „די קסאָווימ פונ ייִסראָליק דעמ מעשוגענעמ" פארנעמט אינ מענדעלעס שאפנ א גאָר באזונדער אָרט. די ערשטע מערווינציקער קלאָרע אידיי פונ אזא מינ ציקל איז בא מענדעלענ געבאָרנ געוואָרנ ניט שפּעטער פונ 1870 — 1871 י., בייס ער האָט זיכ ענדגילטיק אנטוישט אינ די גאנגבארסטע האסקאָלע-לאָזונגענ, בייט ער האָט שוינ אינגאנצנ אויסגעלעבט די אילוזיעס וועגנ דער „לײַטזעליקײַט" פונ אלעקסאנדער דעמ צווייטנס רעגירונג אונ וועגנ דער נוצלעכקײַט פונ אירע „גרויסע רעפאָרמעס" פאר דער ברייטער ייִדישער מאסע (אנ אומקלאָרע אידיי וועגנ דער „מעשוגענער וועלט" טרעפנ מיר נאָכ אינ דעמ פלאנ פונ דער „אויסגענארטער בכוירע", אָנגעשריבנ אינמיטנ פונ די 60-ער יאָרנ; דער דאָזיקער פלאנ ווערט בא אונדז געבראכט ווײַטער).

אלס ערשטנ אָנזאָג אפ אונדזער טשיקאווענ ציקל מײַסעס קאָנענ מיר באטראכטנ די נאָוועלע „מײַנ [לעצטע] נעסיע"[1], אָנגעשריבנ אינ 1870 י. אינ יאָר 1871 האָט מענדעלע שוינ געפונענ אפילע די גרונט-פאָרמעס פאר זײַנ ציקל, אונ ער ווארפט אָנ אנ עסקיז פונ א האקדאָמע צו אימ:

Рассказы для сумасшедших.

ניט איינ מאָל זיצ איכ מיר אונ טראכט: גוואלד, ריבוינעשעלוילעמ! די וועלט, נעבעכ, מוטשעט זיכ אונ שרײַבט, שרײַבט אזויפיל ביכער פאר אלערהאנט מענטשנ: פאר קלוגע, פאר געלערנטע אונ פארנ פּראָסטנ אוילעמ, פאר מאנטפארשוינענ אונ פאר דאמענ. פארוואָס האָט זי זיכ ניט געזאָרגט ארויסצוגעבנ עפּעס אזעלכע מינע ביכער אויכ פאר נארנ, נעבעכ, אונ פאר מעשוגאָימ? פאר קליינע קינדער אפילע האָט מענ זיכ אינ אונדזער צײַט שוינ אָנגעהויבנ צו זאָרגנ, אונ מע שרײַבט פאר זיי הײַנט זייער פיל זאכנ, אונ פאר אונדזערע קליינע אונ גרויסע נארנ אונ מעשוגאָימ, וואָס זײַנענ זיכ, באָרעכאשעמ, ניסראבע אלע טאָג, פאר זיי, נעבעכ, האָט מענ נאָכ נישט ארויסגעגעבנ, איר זאָלט זאָגנ, אפילע א בלעטל! אונ וואָס נאָכ מער כידעש איז — פאר קליינע קינדער צו שרײַבנ מוזנ זיכ גרויסע שרײַבער פארשטעלנ פאר קליינע ייִנגלעכ, אינ דער צײַט, אז פאר נארנ אונ מעשוגאָימ וואָלט, באָרעכאשעמ, נישט געפעלט א סאכ עמעסע נארישע, מעשוגענע שרײַבער, וואָס זײַנענ דאָ אָנ אײַנהאָרע זייער פיל!

איכ האָב מיכ, כ׳לעבנ, נישט געפוילט אונ נישט איינ מאָל שוינ געפּרווט ריידנ מיט אזעלכע מינע שרײַבער. „גוואלד! — האָב איכ געטײַנעט, — גאָט האָט אײַכ געבענטשט, איר זײַט אי נאריש אי מעשוגע, פארוואָס זאָלט איר מיט די אלע מײַלעס ניט נוצלעכ זײַנ אײַערע ברידער? אײַערע ברידער, נעבעכ, וואָס דער קאָפּ איז זיי, באאווינוויסיינו האָראבימ, פארדרייט, פארטראָגנ, וואָס ווייסנ פיל מאָל נישט, אפ וואָס פאר א וועלט זיי זײַנענ"[2] ...

דאָס קעפּל פונ דער ניט-פארענדיקטער האקדאָמע איז א באשײַמפּערלעכע אָנצוהערעניש אפ לאנדאוס יאָרביכער „יעווריסקאיא ביבליאָטעקא" (דער ערשטער

---

1 די דאָזיקע נאָוועלע האָבנ מיר פארעפנטלעכט אינ מינסקער „שטערנ", 1939, נומ. 7.

2 דער מאנוסקריפּט געפינט זיכ אינ מענדעלע-מוזיי אינ אָדעס.

בוכ פונ אָט דער „ביבליָאָטעק” איז דערשינענ אינ 1871 י.). דאָס קאַפּל האָט פריִער טאַקע געהייסנ: «Библиотека для сумасшедших». דערמיט דערקלערט זיכ אויכ דער רוסישער נאָמענ פאַר דער יידישער האקדאָמע. דאָס איז אָבער ניט איבעריקס וויכטיק. א סאַכ אינטערעסאַנטער איז דאָ (מיר מעגנ דאָ ריידנ, דאַכט זיכ, ניט וועגנ א האַשאָרע, נאָר וועגנ קימאַט א זיכערנ פאַקט!) מענדעלעס איבערופנ זיכ מיטנ רוסישנ רעוואָליוציאָנערנ אויפקלערער גערצענענ. גערצענס העלד, דאָקטאָר קרופאָוו, פאַרגלײַכט א בעפיירעשנ אידיאָט מיט אַלע זײַנע מעשוגענע פאָסטעמקעס מיט „קלאָרע מענטשנ”, מיט פראַקטישע מענטשנ אונ זייער גאַנצער אופפירונג אונ קומט צומ אויספיר, אַז מעשוגע זײַנענ די „קלאָרע”. דאָס גאַנצע צאַריש-ביוראָקראַטישע לײַבייגנטימערישע רוסלאַנד זעט אויס אינ די אויגנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אויפקלערער ווי א לאַנד פונ מעשוגאָיִמ — א מעשוגענע וועלט. אונ די אייגענע גרונט-אידיי פאַרקערפערט מענדעלע אינ „די קסאָווימ פונ יִסראָליק דעמ מעשוגענעמ”.

יִסראָליק איז א ביסל צעטראָגנ, צײַטנווײַז אפילע פולשטענדיק גערירדט, ער זעט אָבער ביז גאָר קלאָר, ווי ווײַט מעשוגע ס'איז די וועלט פונ די „קלאָרע”, די „פאָלנע מענטשנ”. „אַז מע זאָגט מעשוגע — גלייב!” האָט אינ א סאַכ יאָרנ אַרומ געכויזעקט פונ דער „קלאָרער וועלט” י. ל. פערעצ. „פסיכאָפאַטנ, מעשוגאָיִמ זײַנענ די „נאָרמאַלע” אָנהענגער פונ דער אַלטער אָרדענונג, די געטרײַע אונטערטאַנענ פונעמ רוסישנ צאַר”, — האָט מיט יאָרנ פאַר מענדעלענ געפינעט מיט גאַל גערצענ. „אדעראבע, ווער איז מעשוגע?!” שרײַט מענדעלע אינמיטנ פונ די 70-ער יאָרנ. ער שרײַט גוואַלד אונ שטעכט די אויגנ מיט דעמ שיגאָענ פונ דער וועלט. ער טוט עס אַמאָל פאַרשטעלט, דורכ אַלעגאָרישע מײַסעס („די קליאַטשע”), אונ אַמאָל גאַנצ אָפנ, ווי אינ אונדזער איצטיקער דערציילונג.

דעמ ציקל מײַסעס וועגנ דער מעשוגענער וועלט האָט מענדעלע פאַרטראַכט גאַנצ ברייט. שוינ אינ דער האקדאָמע צו דער „קליאַטשע” שרײַבט ער:

„...ער נעמט אַרויס א גרויסנ פאַק מיט פאַפירנ... א י נ ע, פונ די דאָזיקע זאַכנ הייסט מיט דעמ נאָמענ „די קליאַטשע”... מיר פאַרלאַנגענ פונ אײַכ, איר זאָלט גוט איבערקוקנ די פאַפירנ, אויסשטעלנ איטלעכע מײַסע אַקוראַט ווי מע באַדאַרפ אונ גאָר צומ ערשטנ זאָלט איר אָפדרוקנ „די קליאַטשע”...

גאָר צומ ערשטנ האָט מענדעלע טאַקע אָפגעדרוקט „די קליאַטשע”, אָבער גאַנצ אָפט דערמאָנט ער זיכ אינ די קסאָווימ פונ יִסראָליק דעמ מעשוגענעמ אונ דרוקט אָפ פונ דאָרטנ א נײַ קאַפיטל, א נײַע דערציילונג. אַהער געהערנ: די אַנטיציָעניסטישע דערציילונג „דער בײַבאַק” (80-ער יאָרנ), די קאַפיטלענ פונ „דער קליאַטשע, וואָס זײַבענ אָנגעשריבנ אינ צוזאַמענהאַנג מיט רוסלאַנדס ווײַטמיזרעכדיקער פאָליטיק (1901 י., 1905 י.) אאַ. דער ערשטער „צוגאָב” צו „דער קליאַטשע” איז די דערציילונג „אדעראבע, ווער איז מעשוגע?” אָנגעשריבנ אינ 1875 י. די דערציילונג איז, ווײַזט אויס, געדרוקט אינ ליניעצקיס בלאַט „יִסראָליק”. אַלס טעמע פאַר זײַנ דערציילונג האָט מענדעלע אויסגענוצט אַנ אומגלייבלעכע, אָבער ברייט פאַרשפרייִטע אינ די יִדישע שטעט דערשײַנונג: גאַנאָווימ-באַנדעס לייגנ אַרופ א קאָנטריבוציע אָפ די אײַנוווינער אונ מאָנענ זי אופ מיט דער הילפ פונ זייער פאָרשטייער — דעמ נאָווי, וואָס טרעפט, קלוימערשט, אָפ, ווו צו זוכנ די



גענאַנוועטע זאַכנ. אַזאַ דערשײַנונג האָט מענדעלע נאָכגעשפירט אינ בערדיטשעוו. ער האָט זי שוינ אַמאָל אַפילע אָפגעשפיגלט אינ זײַנ העברעיִשנ ראָמאַנ „עלטערנ אונ קינדער” (1864 י.), איצט קערט ער זיכ אָבער ווידער אומ צו דער זעלביקער דערשײַנונג, רײַסט פונ איר אַראָפ דעמ פריִערדיקנ ראָמאַנטיש-מאַסקילישנ שלייער אונ טראַקטירט זי אינ גײַסט פונ „דער מעשוגענער וועלט”.

ליניעצקיס „יִסראָליק” איז הײַנט א ביבליָאָגראַפישע זעלטנהײַט (מיר האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו קריגנ דעמ נומער, ווו ס'איז געדרוקט מענדעלעס דערציילונג „יִדישע קינדער”). פאַר אונדזער לייענער אונ פאַר דעמ גרעסטנ טייל פאָרשער איז די דערציילונג אַזויאַרומ געבליבנ אינגאַנצנ אומבאַקאַנט. דעריבער דרוקנ מיר זי דאָ איבער פונ דעמ מאַנוסקריפט, וואָס געפינט זיכ אינ מענדעלע-מוזיי אינ אָדעס.

א. וואָראָבייטשיק.

2 Prob. first thing after silence of 79-84 -> He tried to write epistolary story

Never publ.

# [די מילכאָמעס פונ האַבאָסע־קאָמאַנדע]

## ערשטער בריוו

מענדעלע מויכער־ספאָרימ מק״ק כונעיאַדעווקע צו רעב סענדערנ בק״ק באַלטונעוואָ

מי יִתנני, הייב איכ אָנ מיט דעמ פאָסעק, מי יִתנני, ווער זאָל מיר געבנ א פליגל ווי א טויב, וואָלט איכ געפלויגנ אונ גערוט... גערוט בײַ אײַכ אָפ סטאַנציע אינ אײַערע פאַלאַצנ אונ זיכ אָפגעלייגט מיט מײַנ פעקל בײַ אײַכ אינ זאַל, אינ א ווינקל. איכ זאָג „א פליגל ווי א טויב”, ניט ווײַל דאָס איז א שיינע מעליצע, וואָס דער שטייגער איז דערמיט אָנצוהייבנ א בריוול. ניינ. נאָר ווײַל איכ בינ אָפ די עלטערע יאָרנ געבליבנ אָנ א פערדל. אונ צופוס האָב איכ, לוי אַלייכעמ, קיינ קויעכ ניִשט צו גייִנ. האַפערדל שעלי, מײַנ פערדל, רעב סענדער, איז באַאַווינוסייִנו האַראַבימ געפאַנגענ געוואָרנ אינ דער מילכאָמע! — וווּנדערט זיכ ניִשט, איכ בעט אײַכ, אונ מיינט ניִשט, אַז איכ רייד פונעמ וועג. טאַקע בעפיירעש זאָג איכ אײַכ נאָכאַמאָל: אינ דער מילכאָמע. בײַ אונדז אינ כונעיאַדעווקע, פאַראַיאָרנ צו די ערשטע סליכעס, גאַנצפרי, אינ דער מילכאָמע. גייענדיק פונ דער שול נאָכ די סליכעס, דערזע איכ פונדערווײַטנס בײַ מיר אינ הויפ עפעס א רײַטער אָפ א פערד. מיר האָט באַלד א זעצ געטאָנ אינ קאָפ: אַהאַ, סאָלדאַטנ! זעלנער זײַנענ פאַרטאָג אַרײַנ, אונ דאָס איז מײַנ אוירעכ. שלעכט, ניִשט קיינ פריילעכער אייסעק! עפעס מעקעט מיר די ציג מײַנע דאָרט זייער שטאַרק. אָפאָנעמ א בייזער פאָרעצ, זי האָט באַמ ערשטנ שאָלעמ-אַלייכעמ געמוזט נעבעכ פונ אימ לייזנ עטלעכע געזונטע קלעפ אונ געהאַט א וויסטנ פאָטשאַטעק. איכ קראַצ מיכ פאַר צאָרעס אונ לאָז מיכ פאַמעלעכנ צוגייִנ צומ שטוב. אינ דרויסנ איז נאָכ טונקל, א קאַלט שפריי-רעגנדל שפרייעט ווי דורכ א זיפ אונ עסט זיכ אײַנ ווי א זלידנע אינ די ביינער... „נאַט אײַכ סליכעס, נאַט אײַכ א פאַרטאָג! א יִיד האָט זיכ אוואַדע צו כאַפנ גיכער עפענענ איינ אויג! קוימ שטייט ער אופ, שטייענ מיט אימ אינאיינעמ אופ זײַנע צאָרעס, קוימ שטעלט ער אַראָפ א פוס, שטעלנ אימ זיכ אַקעגנ אַלע זײַנע דײַגעס. טפו!...” מיט אַזעלכע אומעטיקע געדאַנקענ שטעל איכ מיכ אָפ אינ דער זײַט פונעמ אָפענעמ טויער, אַרײַנ-

ליכט. א רענדל א שטיק. דאָס מאכט אויס 30 ק. פאר איטלעכן פון די צענציכנס, וואָס וועלן געשען — קעפּי דאָרט שטייט געשריבן — איידער מאָשיעכ קומט. ניישקאָשע פון א מעקאכ! פריִער האָט עס אויסגעמאכט ווייניקער פון א קאָפּעקע. — ס'איז דאָ בא מיר זייער א ווילער פלאן. מיר װעלן דעריבער שפּעטער שמועסן. נישטאָ אצינד קיין צײַט. — דער גאנצער אונטער-איווּן אונדזערער געריסט אײַכ גאָר פרײַנטלעכ. לעמאנאשעם אולעמאנאשעם לפרוס בגיני, צו לאָזן געריסן פונמײַנעטוועגן בשלום הגבירים דמהניכם, האחים לאנדפרידלער, זינגבארג, פּאָפּיאלקאָװו אוכעדוימע מיט זייערע ווײַבער האצנועס און קינדערלעכ זאָלן לעבן. האגאם איכ בין זיי אפילע ניט קענטלעכ, נאָר נישקאָשע, מיט זייער נאָמען קלינגט די וועלט. לאָז עס הייסן, איכ טו זיי קאָוועד אָן. פארשטייט איר? עס וועט טאקע אויכ צונוצ קומען, איכ וועל, דאכט זיכ, בעקאָרעוו באדארפן זייער טויווע. וד״ל און שטויסט זיכ אָן. אײַ, א ציג! איכ זאָל כאָטש קענען קויפן א ציג!.. בעזור האָרעגע איז אין טונעיאדעווקע אָנגעקומען פונעם דאָרף נאָכ א יִדישע פאמיליע. זייער א שרעקלעכע געשיכטע! — איכ מוז לויפן, נישטאָ קיין צײַט.

האקאָטו מענדעלע.

---

parody of Zederbaum's self-congratulatory articles in המליץ

## צווייטער בריוו

רעב סענדער מק״ק באלטונעווע צו מענדעלע מויכער-ספאָרים בק״ק טונעיאדעווקע

א שיינעם דאנק, רעב מענדעלע, וואָס נאָכ אזא לאנגן שטילשווײַגן האָט איר זיכ פאָרט דערמאָנט מיכ צו דערפרייען מיט א בריוו, פון וועלכן איכ האָב ארויסגעזען, אז איר לעבט נאָכ באָרעכאשעם. סטײַטש, ווי שווײַגט עס א רעב מענדעלע אין אזא צײַט, וואָס ווער עס האָט נאָר א מויל רעדט און ווער א פען — שרײַבט! האגאם איכ בין שטארק באשעפטיקט, איכ שלאָף נישט, איכ רו נישט טאָג ווי נאכט און בין מאקריוו מײַן גאנצ לעבן לעטויוועס קלאל-יִיסראָעל, נישט צו האָבן פון זיי דערפאר קיין שום באלוינונג, קיין דאנק נישט אפילע. גאָט איז מײַן אײדעס, אז איכ וואַרט נישט אפ קאָוועד, לאָז מיכ נישט בעטן און מיין אלצ לעשעם שאָמאיִם. לאָזן סאָנים זיכ ריידן צעזעצטערהייט, אויסטראכטן מײַסעס, דאָס, יענץ, ווער הערט זיי? וועלכער מענטש מיט ענערגיע, מיט לאָשן און מיט פיס אוכעדוימע האָט ניט קיין סאָנים מאכמעס קינע? אז איכ זאָל אָנהייבן קעסיידער צו דערציילן די אלע מײַסעס פון פריִער ביז הײַנט, וויִאזוי איכ האָב זיכ באדארפט ראנגלען, אז איכ האָב געזאָגט, מע זאָל טאָן אשטייגער דאָס. ניין, האָט מען געענטפערט אָדער זיכ נישט ווויסנדיק געמאכט, און ערשט דערנאָכ איז טאקע ארויס אפ מײַנס. האָב איכ דען נישט גאנצ לאנג אופגעגעבן די אלע זאכן, מיט וועלכע יענע האָבן הײַנט צו טאָן און שרײַבן עס זיכ אינגאנצן צו? נאָר וואָס מאכט עס אויס? קיין זאכ וועט מיכ נישט אָפּהאלטן פון מײַן פאָלק, אים צו טאָן טויוועס. און האגאם איכ בין דערמיט שטארק באשעפטיקט און עס קלעקט מיר נישט די צײַט אָפּצוענטפערן א וועלט מענטשן, וואָס פארווארפן מיכ פאָשעט מיט בריוו און אלערליי באקאָשעס, נאָר קעדיי צו ווײַזן, ווי טײַער איר זײַנט מיר און ווי שטארק גערן איכ בין, איר זאָלט מיך



אָפּט שרײַבן, ענטפער איכ אײַכ טייקעף אומיאד, אָט האָט איר אײַכ, רעב מענדעלע, ריינע ווערטער און שטארק בעקיצער, ביכדיי איר זאָלט וויסן.

די טרויעריקע מײַסע מיט אײַער פערדל באוויַזט ווײַטער, אז איכ האָב רעכט. נישט איין מאָל האָב איכ ווי א נאָווי אָנגעוווּנקען, ס'איז מיר אראָפּ פונעם זיקאָרען ווו, אין וועלכן אָרט, אז די סליכעס זײַנען מעסוגל צו אזעלכע זאכן. די גאנאָווים שטייען אויכ אוף צו סליכעס. בעכיין באדארפן יִדן זיכ ארומקוקן, נישט סוימעכ זײַן זיכ אפ ניסים. און א סאכ שולדיק דערין זײַנען די ראבאָנים. זיי האָבן דאָכ יאָ די גרויסע דייע און קענען א סאכ ווירקן...

זייער שלעכט, רעב מענדעלע, האָט איר געטאָן, וואָס איר הייבט אָן אין אײַערע בריוו א סאכ וויכטיקע זאכן און רײַסט פלוצים איבער דעם שמועס. דערמיט האָט איר מיכ נאָר צערייצט. עס דערמאָנט מיכ אין יענעם לעצ. יאָמקיפּער נאָכ מוסעף, אז דאָס האַרצ האָט אונדז גוט געכאלעשט און מיט סמאהע אפ די ליפּן האָבן מיר געטראכט נאָר פון עסן, פלעגט דער לעצ מיט אן ערנסט פּנים ארופירן דעם שמועס אפ עסן און פלעגט אויסרעכענען אונדז א גאנצ צעטל יִדישע מײַכאָלים: א געבראָטענע לעדוויצע מיט קאשע, א לאָקשן-קוגל מיט א גאנעוו אינווייניק, דאָס הייסט מיט אן אָנגעפילט העלדזל, פארפעלעכ, גוט אײַנגעפרעגלטע מיט גריוון אוכעדוימע. מיר זײַנען געוואָרן בלייכ, דער אפּעטיט איז א שרעק, קוים וואָס מיר זיפּען, און ער אלצ טאקע ווײַטער: כרעמזל, פאנקוכן, פּעטשע מיט פעניצלעכ, קראפּ פון אן אינדיק און פאסטערנאק-צימעס... האָט ראכמאָנעס, רעב מענדעלע! און שרײַבט בעאריכעס, אלצדינג קלאָר. — בא אונדז אין טונעיאדעווקע, שרײַבט איר, איז דאָ א קאָמיטעט (א קאָמיסיע מוזט איר אוואדע מיינען), און זאָגט ניט ארויס שארף, ווען איז דער קאָמיטעט געוואָרן (עפּשער זינט די מײַסע מיט אײַער פערדל נישט-דאָ-געדאכט?), ווער זיצט אין דעם קאָמיטעט און פון וועלכן סאָרט יִדן אויסגעקליבענע געפינען זיכ אין אים? וואָס דארשענען די אלע יענע לײַט אין דעם קאָמיטעט און ווי איז ביכלאל זייער מיינונג איבער יִדן, גוט צי שלעכט? — איכ בין מאפּטיִעכ אלצדינג פאר אײַכ צו טאָן מיט א גוט וואָרט, אן אייצע, נאָר פריִער מוז איכ אָבער וויסן דעם מעהוס פונעם קאָמיטעט. דער פרעזידענט מוז זיכער זײַן א סוינע-יִיסראָעל, עפּעס אזוי זעט עס אויס פון זײַן פארקרימען זיכ... ווער איז ער אזוינס? ס'איז גוט צו וויסן. מיסטאמע איז דאָכ אײַכ באקאנט, ווי אויסגעקאָכט איכ בין מיט די גרויסע אדוינים, און אז ס'קומט אויס אמאָל, קען איכ פארווארפן א וואָרט... איכ בין זייער ציקאווע צו וויסן דעם פלאן אײַערן, שרײַבט, רעב מענדעלע, שרײַבט! —

יעדידכעם, וואָס האָט ליב זײַן פאָלק יִיסראָעל, סענדערי

---

## דריטער בריוו

מענדעלע מויכער-ספאָרים בק״ק טונעיאדעווקע צו רעב סענדער באלטונעווער

איידער איכ נעם מיכ אָפּשרײַבן אײַכ טשוווע, מוז איכ אויסגיסן די געפילן, וואָס אײַער בריוו האָט אין מײַן הארצ אופגעוועקט, מיט מעליצע-ווערטער: כהולך

ווי איינער גייט אינ דער מידבער אונ זײַנ צונג איז מיט דאָרשטנ פארברענט וכו,
פלוצלינג דערזעט ער א לעבעדיקנ קוואל וואסער רינט פונ בארג לעוואָנענ, טוט
ער זיכ א לאָז געשווינד צו טרינקענ אונ דערקוויקט אלע זײַנע אייווורימ,
אזוי האָב איכ מיכ דערקוויקט פונעמ קוואל וואסער אינ אײַער בריוו. אצינד,
רעב טעגדער, אז איר האָט מיכ אָנגעטרונקענ פונ אײַערע ריינע וואסערדיקע
געדאנקענ, וועל איכ דערפאר אָנזעטיקנ אײַכ אצינד מיט די כרעמזל אונ שפײַזנ
פונ טונעיאדעווקער כאדאָשעס, ביכדיי איר זאָלט מיר נישט האָבנ אויסצוווארפנ,
אז איכ ווײַז נאָר מײַכאָלימ אונ געבנ גיב איכ מאקעס. היגײַ זײַט וויסנ, אז ניט
ווי יענע טונעיאדעווקע, שהיה בימי ביניאָמינ האשלישי, וואָס איז געווענ אינ
דער צײַט פונ ביניאָמינ דעמ דריטנ וועסטענדערל די יידענע, איז די הײַנטיקע
טונעיאדעווקע. דאָס הייסט יידנ קאפצאָנימ, גרויסע עוויונימ זײַנענ בא אונדז
אלע טאקע ווי פריִער, נאָר הײַנט זײַנענ זיי פארמערט געוואָרנ עפשער דרײַ
מאָל אזויפיל אינ דער צאָל. א ביסל מאכמעס דעמ, וואָס טונעיאדעווקער
מענטשנ פרוכפערנ אונ מערנ זיכ טאקע אָנ אײַנהאָרע, ווי דער שטייגער איז, נאָר
צומ גרעסטנ טייל אָבער מאכמעס דעמ, וואָס א סאכ פונ דער פרעמד האָבנ
זיכ דאָ באזעצט בעשאס די בארימטע מילכאָמעס פונ האבאָסע-קאָמאנדע אונ
בעשאס האמאיאָווע קאזאָכעס, נישט פאר אײַכ געדאכט, וואָס יידנ האָבנ באקו-
מענ נאָכ די געוויסע גזיירעס מײַ. ווײַל טונעיאדעווקע איז א פארוואָרפנ ווינקל,
אָפּגעריסנ פונ דער וועלט אונ ליגט נישט דעמ סוינע אפ זײַנ מארשרוט. הײַנט
איז דער ד'אלעס טאקע דאָרט אויכ א גרויסע שמירע. עס לוינט נישט דעמ סוינע
אומזיסט-אומנישט ברעכנ אהינצו די פיס. דער מאלכאמאָוועס אלײַנ האָט טונע-
יאדעווקע פארגעסנ. אינ טונעיאדעווקע שטארבט מענ נישט, נאָר מע פייגערט
פאר הונגער. נישט דאָס בינ איכ אויסנ. צווישנ די נײַע אײַנוווינער זײַנענ דאָ
מײַסטערס, געוועזענע ארענדארעס אונ אלערליי יידנ פונ די דערפער. הײַנט, אז
איינער קומט קיינ טונעיאדעווקע, עפנט מענ שוינ נישט די פענצטער ווי אמאָל
אָנצוקוקנ דעמ פרישנ פארשוינ פארוווּנדערט, ווער איז ער אזוינס אונ פונוואַ-
נענ האָט ער זיכ גענומענ? מע פארשטייט שוינ, אז דאָס איז א ייִד, וועלכנ מע
האָט ארויסגעטריבנ פונעמ דאָרפ, ציפע זײַנ ווײַב איז שוינ מיסטאמע אויכ דאָ
מיט די בעבעכעס אונ פופקלעכ אונ מיט דעמ גאנצנ ביסל אָרעמקײַט. קימאט
איבער איטלעכנ פונ די ארויסגעטריבענע איז דאָ צו דערציילנ נישט קיינ פריי-
לעכע מײַסעס, נאָר טרויעריקער פונ אלע איז די, וואָס האָט זיכ פארלאָפנ מיט
דער פאמיליע, וועלכע ס'איז ערשט פאר א פאָר וואָכנ אהער געקומענ. איכ וויל
נישט איבערשלאָגנ דעמ שמועס אונ לייג עס אָפּ צו דערציילנ אנ אנדערס מאָל.
טכילעס באמ אָנקומענ זײַנענ די פרישע קאפצאָנימ פארומערט, פארזאָרגט, מיט
אראָפּגעלאָזענע נעז. דערנאָכ אָבער ווערנ זיי ווי די אלטגעזעסענע פריילעכע
עוויונימ, לוסטיקע קאפצאָנימ, ווילדע באלביטאָכנס. עפעס האָט טונעיא-
דעווקע אינ זיכ אזא קויעכ, וואָס ווארפט אָנ אפ דעמ מענטשנ א געשמאקע
פוילקײַט, מע גענעצט, שפײַט זיבנ מאָל אויס, מע גיט א מאכ מיט דער האנט,
טראכטנדיק בא זיכ: עט... מיילע נו... לאָז גאָט זאָרגנ! איכ בינ אויסנ דערמיט,
אז בא אונדז אינ טונעיאדעווקע פארברענגענ מיר די צײַט גאָר נישט אזוי שלעכט,
ווי עס קענ זיכ אײַכ אויסדאכטנ. מע פארקלויבט זיכ זייער אָפט אינ איינעמ,
מע שמועסט, מע רעדט איבער אלערליי זײַטיקע איניאָנימ, מע דערציילט פאָטשטנ,



מע אמפערט זיכ, אינטערעסירט זיכ מיט אלע קלייניקײַטנ אונ מע זיצט אָפּ
אזוי גאנצע טעג ביז שפעט אינ דער נאכט, גאָר נישט אינ זינענ צו האָבנ, אז אינ
קעשענע איז נישטאָ קיינ גראָשנ אונ וואָס קענ זײַנ דער טאכלעס. פלאנענ מאכנ
די טונעיאדעווקער א טאָג עפשער הונדערט, אונ אלצ פאר אנדערע, געלט ציילנ
מיר איבער מיליאָנענ, אָבער נישט אונדזערע, נאָר ראָטשילדס, גינזבורגס, פאָליא-
קאָווס אונ האָבנ דערפונ האנאָע, גלײַכ ווי מיר וואָלטנ מיט זיי געווענ בעשוט-
פעס. דאָס, וואָס בא אײַכ אינ אײַער מאָקעמ א „טעאטער", דאָס אייגענע איז בא
טונעיאדעווקער דער בעטמעדרעש-אונטער-אויוונ. עפעס איז דאָרט אזוי מעכײַע
ווארעמ, מע זיצט זיכ אינ קאָמפאניע האלב וואכ, האלב פארשלאָפנ, הערט וווּנ-
דערלעכע זאכנ, מע פליט אינ הימל, פירט לענדער, מע נעמט אײַנ אונ מע
פארטיילט מעדינעס. דעמ טויגער הערט מענ ווי דעמ מילכעדיקנ קלינגל אונ מע
ווארפט אימ ארויס אפ א שפענדל. דער טונעיאדעווקער איז נעבעכ שטומפּיק אפ
דער האנט. הידימ הענט, דאָס האָט נאָר אייסעוו, דערפאר אָבער איז ער א בע-
ריע אפנ מויל, הקול קול יעקב, דאָס הייסט שרײַענ, מעכאבעד זײַנ אנדערע מיט
פלאנענ, אייצעס געבנ, זידלענ אפ א קאָל, די דאָזיקע מאטאָנע פונ זײַנ ליבנ
נאָמענ האָט שוינ נאָר א בענ-יאנקעוו פונ טונעיאדעווקע, ער טאקע אלײַנ...

אינ טונעיאדעווקע זײַנענ הײַנט דאָ א סאכ רעדלעכ, אָדער פארטייענ. בע-
ראָש פונ זיי זײַנענ פיר אונ הייסנ מיט צונעמענישנ אזוי: 1) יידנ — מיטנ קאָפּ
אינ דער ערד, אָדער הייטע יידנ מיטנ פולנ מויל. צו זיי געהערנ די יונגעלײַט
אונ דאָס ביסל אויפגעקלערטע פונ טונעיאדעווקע; 2) יידנ געמעלאָכעטע, פאר-
פראָרענע גאָמעלקעס פונ שניי, צו זיי געהער דער גרעסטער טייל פונ טונעיא-
דעווקער יידישנ אוילעמ; 3) לעבלעכע, אָדער איבערגעניצעוועטע יידנ, וואָס ווילנ
דאָס אלטע יידישקײַט איבערמאכנ אפ דעמ נײַעמ שניט, אונ 4) גלאַט אזוי יידנ
שויטקימ, שוויי[גערס]...

## צו מענדעלעס דערציילונג
## „[די מילכאָמעס פונ האבאָסע-קאָמאנדע]"

מענדעלעס דערציילונג „[די מילכאָמעס פונ האבאָסע-קאָמאנדע]" (בא מענ-
דעלענ האָט נישט די דערציילונג קיינ נאָמענ, דער נאָמענ איז אונדזערער) איז
העכסט קינסטלערישע סאטירע, א זעלטענער קינסטלעריש-רעאליסטישער דאָ-
קומענט וועגנ די פאָגראָמענ אונ געזעלשאפטלעכ-פאָליטישע געשעענישנ פונ די
80-ער יאָרנ אינ רוסלאנד. די דערציילונג האָט מענדעלע אָנגעשריבנ צווישנ דעמ
1882-טנ אונ 1884-טנ יאָר. זי איז, אפּאָנעמ, געבליבנ נישט פארענדיקט, ווײַל
מענדעלע האָט אײַנגעזעענ, אז ער וועט נישט האָבנ וווּ זי צו דרוקנ. גאנצער-
הייט איז זי, ווײַזט אויס, נאָכ קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרנ [1], אונ פאר אונ-
דזערע לייענער איז זי געבליבנ אינגאנצנ אומבאקאנט. מיר דרוקנ זי דאָ פונעמ
מאנוסקריפּט, וואָס געפינט זיכ אינ אָדעסער מענדעלע-מוזיי.

1 די ערשטע צוויי בריוו זײַנענ געדרוקט געווענ אינ 1923 י. אינ „אָדעסער ארבעטער" (נומ. 13).

# א פּאָר ווערטער וועגן דעם פּלאַן פון מענדעלעס דערציילונג „די אויסגענאַרטע בכוירע״

אין מענדעלעס נאָטיץ-בוך פון די 60—70-ער יאָרן (וואָס געפינט זיך אין אָדעסער מוזיי אָפּ מענדעלעס נאָמען) געפינען מיר א פּלאַן פון א דערציילונג, וואָס איז קיינמאָל ניט אָנגעשריבן געוואָרן. דער פּלאַן איז אָנגעוואָרפן מיט א בלייער, אין גרויס איילעניש. דאָס קעפּל און די נאָטיץ וועגן רעב איציקלען פאַרנעמען צוויי זייטלעך, איינס נאָכן אַנדערן. אָפּ דער פריערדיקער זייטל געפינען מיר דעם פראַגמענט, וואָס שילדערט באַשיימפּערלעך בערלען.

מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן גענוי צו דאַטירן די דאָזיקע נאָטיצן. לויטן אינהאַלט האַנדלט זיך דאָ וועגן א וואַריאַנט פון מענדעלעס ערשטן יידישן ווערק — „דאָס קליינע מענטשעלע״. אין איציקל דעם כאָכעם איז דאָך ניט שווער צו דערקענען איציק-אַווראַמל טאַקעפ, אין בערלען — גוטמאַנען. עס לייגט זיך אפילע שווער אַפּן סייכל, אַז נאָכן דעם „קליינעם מענטשעלע״ זאָל מענדעלע נאָכאַמאָל האָבן אין זינען צו וואַריירן די דאָזיקע טעמע. די נאָטיץ איז אָבער פאַרשריבן צווישן צוויי אַנדערע, וואָס געהערן צו די יאָרן 1865—1867. אָפּ אַזאַ אויפן וואָלטן מיר זיי געדאַרפט דאַטירן אַן ערעך מיט 1866—1867 י.

די לאָקאַליזאַציע אינעם טאָגבוך מוז גענומען ווערן אין אַכט, כאָטש זי קאָן ניט דינען אַלס מאָסגעבנדיקער קריטעריי אָפּ צו דאַטירן מענדעלעס א נאָטיץ: קיין באַזונדער אויסגעהאַלטענע אָרדענונג איז אינעם נאָטיץ-בוך ניט פאַראַן!

אָבער ווי די מייסע זאָל ניט זיין, צי מיר האָבן צו טאָן מיטן פּלאַן פון דער ערשטער צי פון א צווייטער מענדעלעס דערציילונג אָפּ יידיש, איז דער פראַגמענט וועגן בערלען דעם מעשוגענעם העכסט אינטערעסאַנט און באַלערנד. פון די ניט גאָר קלאָרע רעמאָזים אין מענדעלעס העברייִשער פּובליציסטיק, פון זיינע נאָך ניט פּובליקירטע נאָטיצן און וואַריאַנטן פון אַרטיקלען ווייסן מיר, אַז ער איז געווען א הייסער אָנהענגער פון דעיִסטישע אידייען, האָט אָנערקענט נאָר די „נאַטירלעכע רעליגיע״, האָט געהאַלטן פאַר גלייך מינדערווערטיק אַלע פּאָזיטיווע רעליגיעס, „מוישע ראַביינוס״ איינגעשלאָסן, אַז ער האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די „הייליקע״ יידישע לעגענדעס און דער מיטאָלאָגיע פון אַנדערע פעלקער, אַז דעם בייס-האַמיקדעש און די קאָרבאָנעס האָט ער געהאַלטן פאַר א רעשטל פון געצנדינעריי, וואָס איז, אַגעוו, לויט זיין מיינונג, געווען אומפאַרמיידלעך אָפּ א באַשטימטער שטופּע פון אַנטוויקלונג, אַאַוו.

אין די 60-ער יאָרן פלעגט זיך מענדעלע אַמאָל פאַרגינען א ווונק צו געבן וועגן די אַלע זאַכן זיינע „אויפגעקלערטע העברייִשע לייענער״. פאַר דער מאַסע אָפּ יידיש האָט ער אָבער געציטערט אפילע א וואָרט וועגן אַזוינע אַפּיקאָרסישע געדאַנקען צו זאָגן. פאַרקערט, ער האָט זי געפּרוווט געווינען פאַר האַסקאָלע, דערווייזנדיק, אַז בילדונג און גלויבן, אויפגעקלערטקייט און יידעט-שאָמאַיִם לעבן זיך זייער גוט איין צוזאַמען. בערל דער מעשוגענער — דער טריבון פון די אויפגעקלערטע און פון דער הערעפּאַשנער מאַסע — האָט זיך אָבער געקליבן עפּעס אויסזאָגן פון כיידער. „...אונדז איז עס אפילע געווען א ווונדער; אַמאָל האָט ער אונדז דערקלערט זיינע אידייען פון בייס-האַמיקדעש, געהאַלטן מער פונעם בעש״ט ווי פון דעם גאָען, (פון) פּאָפּולערע וויסנשאַפטן (...) פאַרגליכן מיט דער מיטאָלאָגיע...״



די נאָטיץ איז באַשיימפּערלעך פאַרגרייזט אין א ריי ערטער, און גראָד דאָ איז זייער שווער געווען אויפצושטעלן איר ריכטיקן מיין. אָבער קענענדיק מענדעלעס אָנשויונגען, איז ניט שווער צו כאַפּן איר טאָך.

א באַזונדערע דערקלערונג פאָדערט דער פאַרגלייך פון בעש״ט מיטן גאָען. פרייַ דער מאַסקילישער טראַדיציע, איז מענדעלע אין דער ערשטער העלפט פון די 60-ער יאָרן אַליין אַרויסגעטראָטן קעגן צאַדיקיזם (ערשטער וואַריאַנט פון „דאָס קליינע מענטשעלע״; ערשטער וואַריאַנט פון „עלטערן און קינדער״, אָנגעשריבן ניט שפּעטער פון 1864 י., געדרוקט אין 1868 י.). שפּעטער זאָגט ער זיך אָפּ פון דער טאַקטיק. אין מענדעלעס נאָטיץ-בוך געפינען מיר אַזאַ העברייִשע נאָטיץ, וואָס לויט דער לאָקאַליזאַציע קאָן מען זי דאַטירן מיט 1870—1871 י. (מיר ברענגען זי אין א יידישער איבערזעצונג):

„ראַיונעס פון הערשל דעם מעשוגענעם.

1) כסידעס איז דער איבערגאַנג (המעברה) פון טאַלמודישן גייסט און טראַדיציע צום פרייען רעליגיעזן גייסט. זי אַליין איז נאָך פול מיט אומזיניקע היץ-כאַלוימעס (הזיות), נאָר דורך אירע פאַנטאַסטישע כאַלוימעס האָט זי דורכגעבראָכן די פעסטע ווענט און איז אַרויס פון די גרענעצן, וואָס די רישוינים האָבן איינגעשטעלט. אַדאַנק איר גלויבן אין באַלמויפּעס, אין נייע אווטאָריטעטן, האָט געמוזט אָפּגעשוואַכט ווערן די קראַפט פון אַלטע אווטאָריטעטן, און דערווייל איז געקומען צו א באַוועגונג; זאָל עס זיין א גלייכע צי א קרומע, איז פאָרט דאָ א האָפענונג, אַז די זאָמען, וואָס וועלן פאַלן אָפּ א געהעריק אָרט, וועלן דורכוואַקסן און ברענגען פרוכטן. באַמערקט נאָר, אַז ווי דער כאַסידיזם איז שטאַרקער, מערן זיך אַלץ די מענטשן, וואָס נעמען זיך צו בילדונג. דאָרט, ווו ס׳איז פאַראַן א צעמישונג און אויפרעגונג פון געדאַנקען און מיינונגען, זאָלט איר ניט פאַרלירן די האָפענונג צו טרעפן דאָרט, פריער אָדער שפּעטער, גרויסע לייט און פאָרשער. ס׳איז א פעסטער נאַטור-געזעץ, אַז לעבן ווערט געבאָרן נאָך דער צעלייגונג פונעם זאָמען, און זיין אונטערגאַנג — איז זיין אויפקום! מיינע אָדלערס, איר שוועבט אינדערלופטן און קוקט מיט ביטל אַראָפּ אָפּ די איינוווינער פון דער ערד, פאַרגעסט אָבער ניט, ווען אייער מוטערס איי וואָלט ניט איבערגעפירט געוואָרן, וואָלט איר אָפּ דער וועלט ניט געווען און וואָלט נאָר פאַרבליבן אין פּאָטענץ!

2) דאָס קערנדל, וואָס איז פאַרזייט דורכן פויער, וואַקסט דאָסראָוו דורך אָפּ א נאַטירלעכן אויפן, וואָרצלט זיך איין אונטן און ברענגט פרוכטן אויבן, און ווינטן קענען עס אַזוי גרינג פונעם אָרט ניט רירן. אָבער א קערנדל, וואָס ווינטן טראָגן עס אום, פאַלט ניט שטענדיק אָפּ דאָס פּאַסיקע אָרט. אַמאָל פאַרפלאַנצט עס זיך אָפּ ניט א זיכער אָרט און ווערט א שפּילעכל פאַר ווינטן. אַזוי האָט געטראָפן מיט פיל יונגעלייט, וואָס דער מאָדע-ווינט[1] האָט זיי געטראָגן און פאַרפלאַנצט ניט אָפּ א זיכער אָרט; זיי הענגען אינדערלופטן און האָבן ניט קיין אָנשפּאַר.

1 א ווערטער-שפּיל: רוח הזמן — מאָדע-ווינט, צייט-גייסט אאַוו.

3)...... (ניט פארענדיקט)".

מענדעלע האָט געזוכט אויסצונוצן די „פּראָגרעסיווע" עלעמענטן אין דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע און בעהאדראָגעדיק ברענגען די מאסע צו עמעסער אופקלערונג. אין דער ערשטער העלפט פון די 60-ער יאָרן האָט ער אזא „פּראָגרעסיווערן" עלעמענט אײַנגעזען אין דער קאנאָניזירטער מיטלאלטערלעכער פילאָסאָפיע, אין סאָף 60-ער און אין די 70-ער יאָרן — אין כאסידיזם.

מענדעלע האָט, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט פארווירקלעכן דעמלט זײַן פּלאן און אָנשרײַבן די דערציילונג. ער וואָלט ארויסגערופן א שטורעם פון אופרעגונג אין ביידע קעמפנדיקע לאגערן. די אָרטאָדאָקסיע, און רעכטע מאסקילים אפילע, וואָלטן אים ניט מויכל געווען דאָס אָפּלייקענען דעם יידישן ריטואל און די גרונט-אײַנשטעלונג פון „מוישע-ראביינעס טוירעלע"; פון די ראדיקאלערע מאסקילים, ווער רעדט שוין פון די אופקלערערס פון קאָוונערס שניט, וואָלט ער זיכער געכאפּט דעם עמעסן פּסאק פארן „פארטיידיקן" דעם פינצטערן פאנאטיזם פון די כסידים. אזא אָפּשניט האָט טאקע דעמלט געכאפּט איינער פון די קאָרעספּאָנדענטן פונעם „האמיליץ" — מאָדיליעווסקי — און טאקע פון... ש. י. אבראמאָוויטשן אליין („המליץ", 1865, נום. 37). צי וואָלט קאָוונער געוואָלט פארשטיין דעם אונטערשייד צווישן אבראמאָוויטשעס „פארטיידיקן" דעם כאסידיזם און מאָדיליעווסקיס פארטיידיקן דעם צאדיק? — זיכער נישט, און ער וואָלט גאָר ניט געווען אומגערעכט אויך. מענדעלע האָט דאָס גוט געמוזט פארשטיין און האָט געלאָזט זיך זײַנע פארנאָטירונגען פאר זיך אליין.

און נאָך פון איין שטאנדפּונקט איז דער ניט-פארווירקלעכטער פּלאן זייער און זייער אינטערעסאנט: שוין אינמיטן פון די 60-ער יאָרן האָט מענדעלען געפּיקט דעם מויעך די געשטאלט פון א קלאָרן, פּראָגרעסיוון „מעשוגענעם" און פון א „כאָכעם" — א ווילדע בריע, א געבראָטענער רעאקציאָנער. בערל און הערשל זײַנען אָפּ אזא אויפן די ערשטע ווארִיאציעס פון מענדעלעס בארימטער געשטאלט — ייסראָליק דער מעשוגענער („די קליאטשע"). ס'איז זייער מעגלעך דעריבער, אז „די אויסגעגארטע בכוירע" איז פארטראכט געוואָרן אין 1865—1867 י. און זי האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א פּרווו איבערצוטראַקטירן די טעמע פונעם „קליינעם מענטשעלע" אין גײַסט פון „דער קליאטשע". מענדעלע איז נאָך אָבער, אפּאָנעם, ניט גרייט געווען צו א גערצעניִשער שילדערונג פון דער „מעשוגענער וועלט", עס האָט געדארפט נאָך אדורכגיין א האלב צענדליק יאָר, ביז די „קסאָווים פון ייסראָליק דעם מעשוגענעם" זאָלן דערזען די ליכטיקע שײַן (זע אויבן אונזדער ארטיקל צו „אדעראבע, ווער איז מעשוגע?").

א. וואָראָבייטשיק.

מענדעלע האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די טאַקטיק פון דער צארישער רעגירונג און האָט זי געשטעמפּלט אלס פּאָגראָמישע און צוויִעסדיקע. ער האָט אויסגע-לאַכט די רעגירונגס-קאָמיסיעס און די „יִדישע קאָמיטעטן״ (הילפס-קאָמיטעטן, געגרינדעטע דורכ דער יִדישער בורזשואזיע) — ער האָט פון ביידע דערוואַרט ווינ-ציק נאַכעס. ארויסשטעלנדיק אלס-מוסטער פון א יִדישן קלאַלטוער דעם באַ-ווּוסטן זשורנאַליסט און שטאַדלען א. צעדערבוימען (אין צווייטן בריוו פּאַראָדירט מענדעלע מײַסטעריש צעדערבוימס א באַרימערישן ארטיקל אינעם „המליץ״), גיט אונדז מענדעלע צו פארשטיין דורכ זײַן געריטל צו די פּעטערבורגער יאַהודים (פרידליאנד, פּאָליאַקאָוו און באַראָן גינצבורג), אז ער מאַכט ניט קיין גרויסן אונ-טערשייד צווישן צעדערבוימען און די גווירים.

מענדעלע איז נישט אונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די דעמלט מאָדערנע נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס און האָט זיכ קאַטעגאָריש אָפּגעגרענעצט פון די דעמלטיקע „כויוועוויי-ציִענ״ (פּאַלעסטינאָפילן). ער אידענטיפיצירט ניט דאָס רוסישע פאָלק מיט דער „באָסע-קאָמאַנדע״, וואָס געפינט זיכ אונטערן שוץ פון די צארישע באַאמטע. מענדעלע זעט די הויפּט-סיבע פון אנטיסעמיטיזם און פּאָגראָ-מען אין דעם קאָנקורענצ-קאַמפּ צווישן יִדישע און ניט-יִדישע קאַפּיטאַליסטן. די קריסטלעכע קאַפּיטאַליסטן — שרײַבט ער אין איינעם זײַנעם א ניט-פּובליקירטן ארטיקל — נוצן דערצו נאָכ אויס דעם קלאַסן-אנטאַגאָניזם און רייצן אָן די אום-צופרידענע האָרעפּאַשניקעס, „וואָס ארבעטן מיט בויט-שווייס און ברענגען ארויס אלע פּראָדוקטן מיט זייערע הענט״, קעגן די יִדן, „וואָס זייער הויפּט-באַשעפטי-קונג איז מיסכער, און זיי זײַנען פון דעם קאַפּיטאַלס צאַד...״ מענדעלע זאָגט פאָרויס די קאַפּיטאַליסטן די אנטיסעמיטן, אז זייער העצע וועט זיכ אויסלאָזן, סאָפּקאָלסאָפּ, צו זייער אייגענעם קאָפּ. אין זײַנע דערציילונגען פון די 80-ער יאָרן („צוריק אהיים״ און „שיים און יעפּעס אין וואַגאָן״) באַווײַזט מענדעלע, אז די אינטערעסן פון יִדישע און ניט-יִדישע האָרעפּאַשניקעס פאַלן זיכ צונויפּ און אז די פאַרנארטע ארבעטנדיקע ניכטערן זיכ זייער גיכ אויס פונעם אנטיסעמיטיזם און פּאָגראָם-טשאַד.

מענדעלע ציט נישט אפילע די נייטיקע קאָנסעקווענצן, ער מאַכט נישט קיין רעוואָליוציאָנערע אויספירן. ער שטעלט זיכ אָבער דרייסט אנטקעגן אי דער צא-רישער פּאָגראָם-פּאָליטיק אי דער ציִאָניסטיש-נאַציאָנאַליסטישער וואַקכאַנאַליע.

אין זײַן דערציילונג „[די מילכאָמעס פון האַבאָסע-קאָמאַנדע]״ זײַנען די דאָ-זיקע אלע מאָטיוון מענדעלעס גאַנצ דײַטלעכ שוין אָנגעמערקט, נאָר נישט פּא-נאַנדערגעוויקלט ביזן סאָפּ, ווײַל די דערציילונג איז געבליבן נישט פארענדיקט.

א. וואָראָבייטשיק.

3

# די אויסגענאַרטע בכוירע

## בערל דער מעשוגענער און רעב איציקל כאָכעם

[א פּלאַן פון א דערציילונג] .

רעב איציקל איז געווען א צוויאַק. ער האָט זיכ פארשטעלט פאַר א פרומען יִדן, קעדיי צו נאַרן דעם אוילעם און זײַן מוטער די גווירע, וואָס זי האָט פון אים נאַכעס געהאַט און פלעגט אים שטיצן מיט געלט, מיט מאַטאָנעס. דער אוי-לעם פלעגט פארגלײַכן בערל דעם בכאָר מיט אייסעוון און רעב איציקל-לעבן מיט יאַנקעוו-אָווינו. רעב איציקל איז ניט געווען קיין פּראָסטער. אין הארצן האָט ער זייער גוט געוווּסט, וואָס איז גוט, וואָס שלעכט. נאָר אָבער ער האָט געמיינט, אז מיט עמעס איז זייער שווער צו לעבן אף דער וועלט. דורכ דעם שעקער איז אים געווען זייער גוט. האָט געלעבט אין אוישער, אין קאָוועד, מע האָט גע-לאַדן אף אלע כאַסענעס און בריסן, מע האָט אים אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן, ער פלעגט עסן, טרינקען ווי א ביק, האָט זיכ פארלאָזט א בײַכל. זײַן בײַכל האָט קוינע-שעם געווען. ער פלעגט אין האַנדל שטאַרק שווינדלען און האָט עטלעכע מאָל אָנגעזעצט, נאָר דאָס האָט אים ניט געשאַט, די מוטער פלעגט אים ניט פאַר-לאָזן, ער איז געווען אין שטאָט דער גלאַוונער בוירער, פלעגט שטילערהייט כיי-לעק האָבן אין אלע שטאָט-געשעפטן, אין דער טאַקסע, אין דער ארענדע, ער איז געוואָרן דער גאַבע, קוילעל פון ערעצ-יִסראָעל-געלט, פלעגט צושלאָגן פּוש-קעס אין אלע הײַזער, פלעגט שיקן אין די הײַזער רעווידירן מעזוזעס און בעשאַס א מאַגייפע ראַכמאָנע-ליצלאַן פלעגט ער זײַן פּריטשיסלעס צו דער הייליקער נאַ-טשאַלסטווע כויקער-וועדוירעש זײַן די כאַטאָיִם אין שטאָט, רעווידירן אין די הײַ-זער די בעטן, מאַכרעם זײַן די קרינעלינעס אוכעדוימע.

---

... אונדז איז עס אפילע געווען א וווּנדער. אמאָל האָט ער אונדז דערקלערט זײַנע אידייען פון בייס-האַמיקדעש, געהאַלטן מער פון דעם בעש״ט ווי פון דעם גאָען, פון פּאָפּולערע וויסנשאַפטן, פארגליכן מיט דער מיטאָלאָגיע, גערעדט אף דער טאַלמעטוירע, אף יִדישע צדאָקע-געבן, פלעגט אונטערשטיצן באַלמעלאָכעס, זיכ זאַנימאַיען מיט קינדער, וואָס האָבן אים אין הארצן ליב געהאַט, א סאַכ זײַ-נען דורכ אים ארײַן אין גימנאַזיעס, אין שולן, א סאַכ געוואָרן גוטע באַלמע-לאָכעס. מײַן בילדונג האָב איכ אים צו פארדאַנקען. דערפאַר האָט מען אים אין שטאָט פײַנט געהאַט. מײַן טאַטע איז אים געווען א סוינע, מע זאָל קענען, וואָלט ער אים אָנגעטאָן געבראָטענע ליידן, נאָר זכוסאָוועס זײַנען אים בײַגע-שטאַנען. ער איז געווען פון גאָלע יִכעס, דעם אלטן געשטאָרבענעם ראָוּוס אָן אייניקל, הײַנט זײַן מוטער, די גווירע אין שטעטל. פריִער איז ער געווען רײַכ, נאָר דערנאָכ איז ער געוואָרן א יוירעד... ער איז געוועזן א מעטופּל מיט קינ-דער, הײַנע זעקס מיידלעכ מיט צוויי שלאַפע זין.

---